ב"ה





פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת מקץ, א׳ טבת תשס"ז
גליון 3, מספר 6





# פרשת מקץ

**אבל אשמים אנחנו**

אין היינטיקער פרשה ווערט דערציילט, אז בשעת די קינדער פון יעקב האבן דערהערט אז דער געוועלטיקער פון מצרים (יוסף) באשולדיקט זיי אלס מרגלים (שפיאנען) און וויל זיי דערפאר באשטראפן - האבן זיי צווישן זיך גערעדט - "ויאמרו איש אל אחיו" - "אבל אשמים אנחנו על אחינו אשר ריאנו צרת נפשו בהתחננו אלינו ולא שמענו על כן באה אלינו הצרה הזאת" ( אמת, מיר זיינען שולדיק, פאר אונזער ברודער, יוסף, וואס מיר האבן געזען זיין צרה ווען ער האט זיך ביי אונז געבעטן (מען זאל אים ניט פארקויפן) און מיר האבן זיך ניט צוגעהערט צו אים, און דערפאר איז געקומען אויף אונז די דאזיקע צרה).

אייגענטלעך, איז דאס א וואונדערלעכע זאך: די ברידער האבן דאך געמיינט אז דער מושל איז א מצרי (זיי האבן ניט געוואוסט אז ער איז יוסף), און זיי האבן פון אים געהערט קלאר אז ער וויל זיי באשטראפן ווייל זיי זיינען ניט געווען ערלעך איצט אין מצרים - און דאך, האבן זיי גלייך געטראכט אז די אמת׳ע סיבה אויף זייער צרה איז צוליב זייערן א חטא להשם, און א חטא וועלכן זיי זיינען באגאנגען העכער צוואנציק יאר פריער (וואס אינצווישן האבן פאסירט גאר א סך זאכן)!

נאר דער טעם דערויף איז גאר אין פשטות: די שבטים האבן קלאר געוואוסט אז דער אויבערשטער פירט אן מיט דער גאנצער וועלט, און ס׳איז ניטא קיין צופעליקע זאך אין דער וועלט חס ושלום. ווארום "הנה ה׳ נצב עליו כו׳ ובוחן כליות ולב אם עובדו כראוי" - דער אויבערשטער שטייט איבער יעדן איינעם און קוקט זיך צו צי דינט מען אים ווי געהעריק. פארשטייט זיך אז דער אויבערשטער ווייס וואס עס האט פאסירט מיט יעדן איינעם במשך זיין גאנצן לעבן:

ובמילא האבן די שבטים פארשטאנען, אז אויב ס׳איז אויף זיי געקומען א צרה, מוז זיין א זאך אויף וועלכער זיי דארפן תשובה טאן וואס צוליב דעם איז געקומען די צרה. האבן זיי געזוכט און ניט געקענט געפינען א חסרון אין זייערע מעשים במשך די אלע יארן, ביז דעם ענין פון מכירת יוסף העכער צוואנציק יאר פריער, און דעמאלט האבן זיי דערפילט אז זיי דארפן דערויף תשובה טאן, און זיי האבן טאקע תשובה געטאן.

פון דער אויפפירונג פון יעקב׳ס זין האט מען אן אפלערנונג און אנווייזונג פאר יעדן אידן (וואס יעדער


(המשך אין עמוד 2)


טייערע קינדער
שלוחים,
האט איר א מנורה אויף אייער קאר? ווי פילט איר ווען איר פארט מיט דעם? ליכער פילט איר שטאלץ און צופרידן אז איר נעמט א חלק אין פרסומי ניסא!
דער עיקר ענין פון חנוכה איז פארשפרייטן די נסים פון אויבערשטן. קינדער, מיר ווייסן אז דער אויבערשטער האט געוואלט מאכן חזקי׳הו פאר משיח, אבער צוליב דעם וואס ער האט ניט פארשפרייט די נסים וואס דער אויבערשטער האט פאר אים געטאן, האט ער פארלארן די זכות.
דער רבי האט אונז געלערנט, אז דורך דעם וואס מיר פארשפרייטן נסים פון אויבערשטן, ברענגען מיר נענטער די גאולה.
דאס איז אייער פליכט! פארשפרייט די ליכט פון חנוכה און די נסים פון אויבערשטן, און ברענגען שוין דער צייט ווען מען וועט אנצינדן די מנורה אין בית המקדש! -א. וועכטער

# דער חסידישער לוח

## ה' טבת

ה' טבת איז א ספעציעלע טאג אין די חסידישער לוח.



ה' טבת, תשמ"ז האט די אמעריקאנישע בית דין באשלאסן אז די ספרים פון די ביבלאטעק פון פריערדיקן רבי'ן באלאנגן צו די חסידים. דאס איז געווען צוליב דעם וואס זיי האבן פארשטאנען אז א רבי איז ניט א מענטש פאר זיך, נאר ער איז די הויפט פון די חסידים.

איינע פון די שטארקסטע זאכן וואס האט געהאלפן צו דעם נצחון פון דעם אורטייל, איז געווען די רייד פון רביצין חי' מושקא. "דער רבי און די ספרים באלאנגען צו חסידים!!" האט זי געזאגט.

ה' טבת תשמ"ז האט מען גע'פסק'נט אז עס איז קלאר אז דעם ביבלאטעק באלאנגט צו די חסידים אונטער די נשיאות פון דעם רבי'ן!

די שמחה איז געווען אזוי גרויס ווען מען האט געהערט די פסק דין, אז מען האט געטאנצט אין די גאסן! דער רבי האט זיבן טעג געזאגט שיחות, און מען האט פארברענגט מיט שמחה א גאנצע וואך. נאך דעם וואך, האט דער רבי געזאגט קלאר צו די אלע וואס האבן געוואלט ממשיך זיין די פארברענגענישן נאך ווייטער, אז די נצחון פון די ספרים איז ווען מען לערנט אין זיי!!

יעדן יאר פייערן מיר ה' טבת אלץ א ספעציעלן יום טוב. מיר קויפן נייע ספרים, און בעיקר לערנען מיר פון די הייליקע ספרים! לאמיר בעטן אין דעם הייליקן טאג אויף די גאולה פון אלע ספרים, און בעיקר אונזער גאולה -תיכף ומיד ממש!



*(המשך פון לעבן מיט דער צייט)*

איד איז דאך א קינד פון יעקב אבינו):

יעדער זאך וואס טרעפט מיט א מענטשן בכלל און ספעציעל מיט א אידן (וואס "ועמך כולם צדיקים") איז ניט צופעליק חס ושלום, נאר בהשגחה פרטית, און מיט א כוונה לטוב.

אפילו בשעת עס טרעפט מט א אידן א ניט - געוואונטשענע זאך, דארף ער זיך צוקוקן און זוכן, און ווייטער זוכן, אפשר איז דאס דערפאר וואס דער אויבערשטער האט אין אים געפונען א זאך אויף וועלכער ער דארף תשובה טאן, אדער געדארפט עפעס טאן נאך בעסער: און עס קען אפילו זיין א זאך וואס האט פאסירט העכער צוואנציק יאר צוריק!

אפילו ווען די ניט- געוואונטשענע זאך איז גאר פארבונדן מיט א צופעליקער זאך לכאורה- דארף ער וויסן אז ס'איז ניטא קיין צופעליקייט אין דער וועלט, נאר אלץ איז אפהענגיק אין דעם אויבערשטן, און דער אויבערשטער האט אים געבראכט צו אזא צושטאנד, בכדי אים צו ערוועקן אז ער זאל תשובה טאן און פארריכטן די זאך וואס האט געפעלט, און פון יעצט און ווייטער טאן אין דעם אלץ בעסער און בעסער!

## האסטו געוואוסט?



דעם שבת איז דער לעצטן טאג פון חנוכה- זאת חנוכה. וועגן די אכט טעג פון חנוכה פרעגט זיך דער שאלה, פארוואס זיינען פאראן אכט טעג פון חנוכה? דער ערשטע טאג וואס די ליכט האט געברענט איז ניט געווען א נס, נאר דער נארמאלע טבע: זיי האבן געהאט בוימל און עס האט באלויכטן. דער נס איז נאר געווען די נעקסטע זיבן טעג, ווען די פייער האט ווייטער געברענט נאך דעם וואס די בוימל האט זיך געדארפט ענדיקן.

ענטפערט מען אויף דעם אז מען לערנט פון דעם א וויכטיקן הוראה. אפילו די טבע איז א נס!

דאס וואס פייער ביילייכט איז אויך א נס פון אויבערשטן, און מען דארף באמערקן דעם אויבערשטן אין דעם פונקט אזוי ווי אין א נס!

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער
בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה



## א פריילעכן חנוכה!



# דערציילט מיר א מעשה

א קליינע שטוב איז געשטאנען, אליין, אויף די זייט פון א גרויסע בארג. די יונגע פארפאלק וואס האבן געלעבט אין שטוב האבן חתונה געהאט נאר א פאר חדשים פריער. די פרוי האט געהייסן רחל און איר מאן איז געווען ישראל– שפעטער באוואוסט אלס דער הייליקער בעל שם טוב.

ר׳ ישראל פלעגט ארויסגיין זונטאג אינדערפרי און צוריק קומען פרייטאג פאר שבת. דורך דער וואך איז ער געגאנגען אינצווישן די בערג און האט אזוי געדינט דעם אויבערשטן. רחל האט געוואוסט אז ער איז געווען א גרויסער צדיק, און האט אים געלאזט גיין צופרידענערהייט.

עס איז געווען אין מיטן די שטארקע ווינטער, און די שניי האט אלס פארדעקט ווי א ווייסע דעקל. מען האט שוין געשמעקט אין לופט אז עס קומט חנוכה, די יום טוב פון ליכטיקייט און ווארעמקייט.

זונטאג אינדערפרי איז ר׳ ישראל ארויסגעגאנגען פון שטוב ווי אלעמאל.

"מיט דעם אויבערשטנ׳ס הילף וועל איך זיין צוריק פאר די ערשטע נאכט פון חנוכה. אויב אבער איך פארשפעטיג זיך חס ושלום, זאלסטו ניטווארטן אויף מיר, נאר גלייך אנצינדן די מנורה, מקיים זיין דעם גרויסן מצוה."

די טעג זיינען אריבערגעגאנגען זייער שנעל. עס איז שוין געווען ערב חנוכה, א פאר מינוט פאר נאכט, און ר׳ ישראל האט אנגעהויבן זיינע גיין אהיים. עס האט אים גענומען א לאנגע צייט צוליב די שניי און קאלטע ווינט.

ר׳ ישראל׳ס שיך זיינען איינגעזונקן געווארן אין די שניי. ער האט מיט זיך געהאלטן א שטעקן, צו רייניקן זיין וועג, אבער וואס מער ער איז געגאנגען אלס מער האט ער זיך פארבלאנגעט אין די וואלד. נישט אויף א מינוט, אבער, האט ער פארלוירן זיין אמונה אין ה׳.

עס איז געווארן נאך שפעטער. און די צייט אנצינדן די מנורה איז שוין אריבער. ר׳ ישראל האט אזוי געוואלט אנצינדן די מנורה אין די ריכטיקע צייט. ער האט געוואוסט אז יעדן יאר ווען מען צינדט אן די מנורה, אנטפלעקט זיך די ליכט פון גאולה, און ער האט שוין געוואלט טאן די הייליקע מצוה, אבער ער האט ניט געקענט געפונען זיין וועג.

זייער א גרויסע פארמאטערקייט איז אריבערגעקומען ר׳ ישראל. ער האט זיך אראפגעזעצט אינגאנצן אויסגעמוטשעט. נאך צוויי מינוט זיינען אריבער, און ער איז איינגעשלאפן. די געשריי פון די ווינט האט אים אבער גלייך אויפגעוועקט.

פלוצלונג האט ער באמערקט ווי איינער קומט צו אים. דער מענטש האט געהאט א לאנגע בארד, און האט געהאלטן אין זיינע הענט א גרויסער ליכט.

"ווער ביסטו?"

"איך בין מתתיהו כהן גדול די חשמונאי. דער אויבערשטער האט מיר געשיקט דיר צו העלפן!"

דער מענטש האט אנגעהויבן גיין און דער בעל שם טוב איז אים נאכגעגאנגען, און ניט לאנג שפעטער האט ער באמערקט די זייט פון בארג וואס איז אים געווען אזוי באקאנט.

אין דער ווייטנס האט ער געזען א קליינע פלאם פון לעבן זיין שטוב. א ריינע פלאם וואס זיין ווייב האט אנגעצונדן. טראץ די קאלטע ווינט און שניי, איז זי געשטאנען ביים טיר. זי איז געווען אזוי צופרידן זען איר מאן: עס איז שוין געווען נאך חצות און זי האט זייער געזארגט.

ר׳ ישראל האט ארום געקוקט, אבער ער האט ניט געזען דער מענטש. ער איז אינגאנצן פארשוואונדן געווארן.

נאך א פאר מינוט איז דער בעל שם טוב געשטאנען פאר זיין מנורה. ער האט אנגעגרייט די בוימל מיט הויכע כוונות, און האט מיט גרויס שמחה געזאגט די ברכות.

*דער אויבערשטער האט אראפגעשיקט מתתיהו כהן גדול צו באלייכטן די וועג פאר דער איד וואס האט שפעטער באלייכטן די וועלט מיט די ליכטיקייט פון חסידות.*




קינדער, עס שטייט אין תהילים, ערכתי נר למשיחי, איך האב אנגעגרייט א ליכט פאר מיינע משיח. דאס איז א רמז אז חנוכה איז א הכנה צו די צייט פון גאולה. ווען מיר צינדן אן די חנוכה מנורה, האבן מיר א טעם פון וואס וועט זיין לעתיד לבא, ווען מען וועט אנצינדן די מנורה אין בית המקדש!



*מאור עינים פון ר׳ מרדכי טשערנאבלער*

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת מקץ

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים׳ס אופיס פאר מיטוואך,**
**און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

קענסטו געפונען די ספרי חסידות? לעבן יעדער איינער שרייב אריין וועלכער
רבי האט עס געשריבן

| | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ל | א | ב | ג | ד | א | ה | ו | ל | ה | ס |
| י | י | ז | ח | ט | מ | י | ק | ק | י | פ |
| ק | ת | ק | נ | י | ר | א | ו | ו | ו | ר |
| ו | ו | ת | ו | ע | י | ד | נ | ט | מ | ה |
| ט | ר | ו | כ | ט | ב | ר | ט | י | י | ז |
| י | ת | ר | ל | ר | י | ו | ר | ד | ו | כ |
| ש | ש | ת | נ | ת | נ | ת | ס | ב | מ | ר |
| י | מ | מ | ע | ר | ה | ק | ו | ו | כ | ו |
| ח | ו | נ | ר | א | ד | ו | מ | ר | ל | נ |
| ו | א | ח | מ | ש | ר | ד | ע | י | ה | ו |
| ת | ל | מ | נ | ס | ך | ש | י | מ | ע | ת |
| ש | ע | ר | ה | א | מ | ו | נ | ה | פ | צ |
| ק | ר | ש | ת | א | צ | מ | ח | צ | ד | ק |
| ה | ו | ת | ו | ר | ת | ש | ל | ו | מ | ז |
| ח | ט | י | ת | נ | י | א | כ | ל | מ | נ |

ליקוטי תורה ____________

ליקוטי שיחות ____________

תניא ____________

שער האמונה ____________

עטרת ראש ____________

צמח צדק ____________

תורת שמואל ____________

חנוך לנער ____________

תורת שלום ____________

קונטרס ומעין ____________

לקוטי דבורים ____________

היום יום ____________

תורת מנחם ____________

ספר הזכרונות ____________

אמרי בינה ____________

## הצלחה רבה

נאמען: ____________________ ווי אלט: ______

אדרעס: ____________________

____________________

אימייל: ____________________

**די געווינער פון פרשת וישב: מנחם מענדל מונדשיין, 6**